STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03320

FINF UN TSVANTSIG LIDER

Walt Whitman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלט וויטמאַן

פינף און צוואנציג לידער

אידיש: פון דר. א. אייסען

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג אידיש לעבן
421 איסט 10טע גאַס, ניו יאָרק.

1934

פון זעלבן איבערזעצער זיינען דערשינען:

אין יאָר 1925: לאָרד בייראָנס „דער געפאַנגענער פון שילאָן"
אין יאָר 1926: „די רוביאַט" פון אָמאַר כאַיאַם
אין יאָר 1928: לאָרד בייראָנס „די אידישע מעלאָדיעס"
אין יאָר 1930: לאָרד טעניסאָנס „ענאָך אַרדען"
אין יאָר 1932: לאָרד בייראָנס „קין"
אין יאָר 1933: 25 לידער פון ה. וו. לאָנגפעלאָ.

עס ווערן צוגעגרייט צום דרוק:

דזשאָן מילטאָנס „שמשון הגבור"
וו. שעקספּיערס „קעניג ליער",
וו. שעקספּיערס אַלע סאָנעטן,
און אַן אַנטאָלאָגיע פון די קלאַסישע אַמעריקאַנער און ענגלישע דיכטער.

Copyright by Dr. A. Asen
New York, N. Y.

גאָלדבלאַטט'ס דרוקעריי נויאָרק.



Walt Whitman

פאָרוואָרט

פון
אברהם רייזען

מיר האבן נאך ניט באוויזן ריכטיג אפּצושעצן די פינף און צוואנ־
ציג לידער פון דעם אמעריקאנער קלאסישן פּאעט לאנגפעלא, וואס
דר. א. אייסען האט דא ניט לאנג ארויסגעגעבן אין א נעטער און גע־
טרייער איבערזעצונג, און מיר האבן שוין ווידער די אנגענעמע פליכט
אויסצודריקן אונזער אנעדקענונג פאר פינף און צוואנציג לידער פון
דעם ערשטן מאדערנעם אמעריקאנער דיכטער—מאדערנעם אין ברייט־
סטען זין—פון וואלט וויטמאן, איבערזעצט אין אידיש פון זעלבינגן
דר. א. אייסען.

דאס באווייזט די פארשידנארטיגקייט און די אונבאגרענעצטקייט
פון אונזער דיכטער=איבערזעצער דר. א. אייסען אין זיין וויכטיגער
דיכטערישער איבערזעצונגס ארבעט.

פון דעם קלאסיש־מעטרישן לאנגפעלא, מיט זיין קלאסישער
פארם און מיט דעם אפּט פוריטאניש עטישן אינהאלט, צו דעם פרייען
גייסט און צו דעם פרייען פערז פון וואלט וויטמאן—איז ווירקליך א
היבשער שפרונג...

פון דער שטילער אידיליע, צום רוישיגן לעבן פון גרויס שטאט,
פון דער נייער וועלט—צו א וועלט־אידעע, צו וועלט־דעמאקראטיע!

און כאטש א פּיאנער אין דער פארם איז וואלט וויטמאן אין תוך
מעהר אמעריקאניש ווי אלע דיכטער פאר איהם און ווי מאנכע נאך
איהם.

אפילו ווי קארל סאנדבערג, איימי לאוועל, פראסט און אנדערע
מאדערנע, וואס זיינען וויטמאנס ניט נאר תלמידים, נאר ניט זעלטן
נאכאמער.

בעאיינפלוסט האָט אָבער וואָלט וויטמאַן ניט נאָר די פּאָעטן פון אַמעריקע, נאָר אויך די פּאָעטן פון אייראָפּע.

אויב ניט שטענדיג מיט זיין פאָרם, איז מיט זיין שוואונג, מיט זיין אוניווערסאַלן בליק, מיט זיין ליבע צום מענשן, צום פּאָלק, צו פרייהייט. אין דער הינזיכט איז ער מעהר פּראָפעט, ווי פּאָעט.

ער איז דער נביא פון ניי־אַמעריקע. און מיט זיין נביאישן טאָן האָט ער געווירקט און געפיהרט צו נייע וועגן.

ניט אומזיסט האָט אָנפאַנגס "אַלט אַמעריקע", די פּוריטאַנישע די צירליך מאַנירליכע, מיט איהם זיך אַזוי געראַנגעלט.

מיט דער אויסנאַם פון עמערסאָן האָט מען איהם די ערשטע צייט אין זיין היים־לאַנד ניט געוואָלט אָנערקענען, און מען האָט איהם אַפילו אויסגעלאַכט, ניט נאָר איז מען אַרויסגעטראָטן געגען זיין עסטעטיק נאָר אויך געגען זיין עטיק—און געוויסע געזאַנגען זיינע.

אָבער ניט אַזאַ מעכטיג שטים ווי וואָלט וויטמאַן האָט מען געקענט פאַרהילכען צי פאַרלאַכען.

שפּעטער האָבן זיי—די פּוריטאַנער— זיך געשעהמט מיט זייער ביטול צו וויטמאַנס שאַפונגען. אייראָפּע האָט איהם אויפגענומען מיט דער גרעסטער בעוואונדערונג און אָנערקענונג.

נישט געקוקט, וואָס וויטמאַן איז אַזוי אַמעריקאַניש, איז זיין וואָרט, זיין געזאַנג, און מען קען זאָגען אַפילו—זיין לעהרע, פאַרנומען געוואָרן איע יעדן לאַנד פון יעדן פּאָלק — ער איז אוניווערסאַל.

און טאָקע דערפאַר, ווייל ער איז אַזוי נאַציאָנאַל — איז ער אויך אוניווערסאַל.

ווייל דאָס איז שוין אַ כּלל אין דער פּאָעזי און אין יעדן קונסט־געביט: וואָס טיפער דער נביא, דער דיכטער וואָרצעלט אין זיין לאַנד אין לעבן פון זיין פּאָלק—אַלץ מער איז זיין פּאָעזי פון אוניווערסאַלן כאַראַקטער.

אזוי די אידישע נביאים, אזוי דער ענגלישער שעקספּיר, בייראָן און שעלי, אזוי גאָגאָל און פּושקין, אזוי געטהע און שילער און היינע, אזוי וואָלטער, הוגא און אזוי וואָלט וויטמאַן.

אזוי פּרץ, מענדעלע, שלום עליכם און די נייע ביי אונז.

ער, וויטמאַן, האָט געזונגען צו אונז ווען אמעריקע און עס איז דערין געווען דער געזאַנג צו יעדען מענשן, צו יעדן לאַנד, צו דער גאַנצער וועלט.

קיינמאָל ניט ווי אין היינטיגער צייט איז אזוי נויטיג וואָלט וויטמאַן׳ס געזאַנגען זאָלן דערהערט ווערן.

אפּגעזען וואָס אין פּאַטאָס און אמאָל אין פאָרם גופא, דערמאָנט ער דעם דייטשען פילאָזאָף־פּאָעט ניטשע — איז ער אָבער מיט זיין ליבע צו דער דעמאָקראַטי אין דעם שענסטן און בריייטסטן זין—דער געגענזאַץ, דער היפוך פון ניטשעס לעהרע.

פון דער טעאָרי פון איבערמענש צום מענשן, פון פאָלק צום פּשוטן, צום אַרבעטער, צום שאַפענדיגן, צום בויענדיגן.

און אַט אין דעם אַליין איז שוין די גרויסע באַדייטונג פון וואָלט וויטמאַנ׳ס ווערק.

און ווען מען נעהמט נאָך אין אכט די שענקייט, די באַרוישענדיגקייט, דער געוואַלטיגער פּאַטאָס, די חכמה, און דאָס טיפע געפיהל וואָס עס זינגט און דרינגט אַרויס פון יעדען געזאַנג וואָלט וויטמאַנס, וועט מען שוין וויסען, ווי אַזוי אָפּשאַצן די גרויסע אַרבייט פון אונזער דר. א. אייסען, וואָס האָט דערוויילן אויף אַ ווירדיגן און גלענצענדן אופן איבערגעטראָגן כאָטש אַ קליינעם טייל פון וואָלט וויטמאַנס געזאַנגען אין אידיש.

דאָס איבריגע — דער גרעסטער טייל פון וואָלט וויטמאַנס שאַפונגען וועט נאָך קומען.

דערווייל אַ יישר־כח דר. א. איסען פאַר דאָס ביסעלע—וואָס האָט אויך אַ געוואַלדיגען באַדייטונג, און איז אַ וויכטיגע ביישטייער־ונג צו דער אידישער פּאָעזי, וועלכע נויטיגט זיך אין וואָלט וויטמאַנס ברייט און ווייט פליסענדיגע פערזען.

וויטמאַנס אָפּטימיזם וועט פאַר מאַנכע אונזערע דיכטער זיין אַ היילונג.

איבריגענס, די השפעה פון וואָלט וויטמאַן מערקט זיך ביי איי־ניגע מעהר אידישע פּאָעטען. מעהרסטענס אין א. לוצקים "בראשית אין מיטן". אויך אין ה. לייוויקס מעהר אָפּטימיסטישע לידער, און אין מלך ראַוויטש׳ס געוויסע לידער מערקט זיך וויטמאַנס פאָרנעם, אָפּגעזען דערפון צו זיי אַלע האָבן וויטמאַנען געלייענט, די עכאָס פון וויטמאַנס געזאַנגען טראָגן זיך שוין אין לופטן.

בעאיינפלוסט ווערן פון אזא דיכטער, ווי וואָלט וויטמאַן איז דאָסזעלבע ווי בעאיינפלוסט ווערן פון דער נאַטור, פון לעבן און פון אַלץ וואָס איז שיין, מעכטיג און אייביג.

אברהם רייזען.

נ. י., יולי, 1934

וואלט וויטמאן

(אמעריקאס גרעסטער דיכטער)

פון מאָרים ראָזענפעלד

(אויס זיין ערשטן באנד לידער)

א, דו איז וועמעס שטאַרקע זינגער־ברוסט
עס האָבן זיך צוויי אָפּגרונטן פאַראייניגט;
די טיפקייט פון פאַרקלערטן הימל און
די שטיל פאַרוויגטע טיפקייט פון דער ערד;
אין וועמעס הארץ עס האט געשיינט די זון,
דער מאָנד, און וואו עס האָבן העל געגלאַנצט
די שטערן, גאַנצע וועלטן אָהן א צאָל,
אין וועמעס הארץ עס האט געגרינט דער מאַי
און וואו דעם דונער׳ס ברום האָט זיך צעמישט
מיט דעם געטשוויטשער פון דעם נאַכטיגאַל;
אין וועמעס וואונדער־שטאַרקעם ליד מען פיהלט
די אַלמאַכט און די קראַפט פון דער נאַטור—
פּראַפעט אומשטערבליכער, איך גיב דיר לויב,
און פאַל אין שטויב איצט פאַר דיין שטויב און זינג.

וואלט וויטמאן (1819-1892)

—(א קורצע ביאגראפיע)—

וואלט (וואלטער) וויטמאן איז געבוירן געווארן אין וועסט הילס, לאנג איילאנד, דעם 31טען מאי, אין דעם יאר 1819.

זיין בילדונג האט ער געקראגן אין די שולן פון ברוקלין און ניו יארק. ער האט זיך אויך געלערנט זיין א סטאלער און א זעצער. ווען ער איז אלט געווארן 17 יאר, איז ער געווארן א לערער אין א לאנג איילאנדער שול. צו דער זעלבער צייט האט ער אויך געשריבן פאר זשורנאלן און צייטונגען. אין 1839 איז ער געווארן דער ארויסגעבער און רעדאקטער פון א וועכענטליכער צייטונג אין האנטינגטאן, לאנג איילאנד. נאכדעם ווי די צייטונג איז אונטערגעגאנגען, האט ער געארבייט אלס זעצער און דערצו געשריבן פאר פארשידענע אויסגאבן. דערנאך האט ער געמאכט א רייזע איבער די פאראייניגטע שטאאטן און קענעדע. אין דער זעלבער צייט איז ער געגאנגען מיילן ווייט צו פוס, זיך אפגעשטעלט אין פארשידענע געגענדן, געארבעט און פארדינט אויף צו לעבן. דאס פארשידענארטיגע לעבן האט אים צונויפגעפירט מיט אלערליי מענשן און ער האט דורכגעמאכט פארשיעדענע אומשטענדן. ער האט ליב געהאט, ווי ער אליין דריקט זיך אויס, „זיך צו חבר'ן מיט שטארקע און פשוט'ע מענשן". זייענדיג דעמאקראטיש אין כאראקטער, האט ער א שטיקל צייט געפירט אן אמניבוס פאר זיינעם א פריינד.

פאר א יאר צייט איז ער געווען רעדאקטער פון א צייטונג, „דהי ברוקלין איגעל", (דער ברוקלינער אדלער). ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיינע רייזן האט ער אין ברוקלין גענומען ארויסגעבן א צייטונג, „דהי פרימאן" (דער פרייער מענש). די צייטונג האט ניט

לאנג עקזיסטירט. האט ער דערווייל געארבעט ביי סטאלעריי. דערנאך האט ער, צוזאמען מיט זיין ברודער, געבויט און פארקויפט הייזער, און ער האט געהאט ערפאלג, אבער, ניט האבענדיג קיין אמביציע צו ווערן רייך, און פיהלענדיג דעם דראנג פון זיין פאעטישע נשמה צום פארנאס, האט ער זיך פלייסיג גענומען צו ליטערארישע ארבייט, און עס האט אויך ניט לאנג גענומען ווי ער האט פארטיג געשטעלט זיין ערשט ביכעל פאעמען „בלעטער פון גראז", וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אין יאר 1855. אין אנהויב האט דאס דאזיקע ביכעל ניט געמאכט וועלכן ס'איז איינדרוק אויף דער שרייבער־וועלט. די מיינסטע וואס האבן עס געלייענט האבן עס אפילו ניט ערנסט בעטראכט, ביז דער גערימטער אמעריקאנער דענקער און דיכטער, עמערסאן, האט עס גע־לייענט און איז דערפון בעגייסטערט געווארן. אין זיין בריף צו וויט־מאנ'ן שרייבט עמערסאן: „איך געפין אין דיין ווערק די אויסערגע־וועהנליכסטע חכמה און שארפזין וואס אמעריקא האט ביז איצט ביי־געטראגן". נאכדעם ווי עמערסאנס בריף איז פארעפנטליכט געווארן האט מען זיך שוין אנגעהויבן צו וויטמאנען ערנסטער באציען, און צו אנאליזירן און דיספוטירן איבער זיינע נייע פארמען און נייע אידעען. דאס האט נאטירליך אריבערגעפירט וויטמאנ'ס פאפולאריטעט אין דער ענגלישער שרייבער־וועלט. דארט האט מ. וו. ראזעטי, דער גע־רימטער קונסט־קריטיקער אין ענגלאנד, ארויסגעגעבן א זאמלונג פון וויטמאנ'ס פאעטישע ווערק, מיט זיינע א זעהר סימפאטישע איינלייטונג. וויטמאן איז אין א קורצע צייט בעקאנט געווארן אויך אין פראנק־רייך. עס האט זיך גלייך נאכדעם גענומען מערקן וויטמאנ'ס איינפלוס אויך אויף דער מאדערנער פראנצויזישע פאעזיע, און ניט לאנג שפעטער איז וויטמאן אויך ערשינען אין א דייטשער איבערזעצונג; אבער, אין אמעריקא, איז ער נאך אלץ געוועזן דער ליבלינג פון בלויז א קליינע צאל פון ליטערארישע מבינים. דאך, האט דאס אויף אים ניט געמאכט

דעם מינדעסטן איינדרוק. ער איז אונבאזארגט ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין ארבייט, אונגעאכטעט אויף שוועריגקייטען וואס זיינען אים אין וועג געקומען.

איינע פון די וויכטיגסטע געשעהענישן אין וויטמאנ'ס טעטיגן לעבן, אין די שפעטערע יארן, איז געווען דער אמעריקאנער בירגער־קריג. אויף דעם צווייטן יאר פון בירגער־קריג האט וויטמאן וואלונטירט אלס סאניטאר־געהילף פאר קראנקע סאלדאטן. אין קריג גופא האט ער ניט געוואלט אנטייל נעמען, נאר, ווען זיין ברודער דזשארדזש איז פארוואונדעט געווארן איז ער אים געגאנגען ראטעווען. דערנאך, איז ער שוין געבליבן צו העלפן היילן די קראנקע סאלדאטן. זיין גוט־הערציגקייט און זיין ליבע צו די פארוואונדעטע סאלדאטן האט באוויזן זיין גרויסקייט אלס מענש. פון זיינע ערפארונג מיט די סאל־דאטן האט ער אנגעשריבן זיין ווערק: „דראם טעבס”, (קלעפ פון פויק), אין יאהר 1865. ער אליין רופט עס אן: א „קליין בוך”, וואס ענטהאלט די פינסטערניש פון לעבן, בלוט טריפענדע וואונ־דען און פסאלמען פון טויטע.

אין 1876 האט וויטמאן פארעפענטליכט: „עראינערונגען פון קריג”. דאס זיינען געווען בריף מיינסטענס געשריבען צו דער „ניו יארקער טיימס” פון וועלכער ער האט אין יענער צייט באקומען זיין הויפט איינקונפט. די בריף צו זיין מוטער, אין פארלויף פון בירגער־קריג, זיינען ארויסגעגעבן געווארן נאך זיין טויט, אונטער דעם טיטול: „דער וואונדן באנדאזשירער” אין יאר 1898. דורך שווערער ארבייט אויפ'ן שלאכט־פעלד, וואו ער האט זיך אנגעשטעקט פון די קראנקע סאלדאטן, איז ער אין 1864 שטארק קראנק געווארן. אין 1865 האט ער גע־קראגן א שטעלע ביי דער רעגירונג אלס בוכהאלטער, אבער דער הויפט־סעקרעטער פון דער רעגירונג, דזשיימס הארלאן, האט אים ענטזאגט פון דער שטעלע אויף דעם גרונד: „אז וויטמאן איז דער פארפאסער

פון א אונמאָראַלִיש בוך". שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז האַרלאַן האָט ניט געליִיענט וויטמאַנ'ס ווערק, נאָר ער האָט בלויז צופעליגער ווייזע געזען אייניגע ווערטער פון די „בלעטער פון גראָז" אין וויטמאַנ'ס שיפלאַד. שפּעטער האָט ער באַקומען איין אַנדער שטעלע ביי דער רעגירונג. אין דער לעצטער צייט, ווען ער האָט שוין געהאַט געלעבט אין וואַשינגטאָן, איז ער קראַנק געוואָרן אויף פּאַראַליז. פון דאָרט האָט ער זיך אַריבערגעצויגן נאָך קעמדען, ניו דזשערסי, אין דער וואוינונג פון זיין ברודער דזשאָרדזש, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן. ער איז געשטאָרבן דעם 27טען מערץ, 1892.

וויטמאַן איז געווען אַ מענש פון אַ שטאַרקען כאַראַקטער. ער האָט זיך ניט געלאָזן אָפּשוואַכן פון אונגינסטיגע אומשטענדן. נאָכמער, ער האָט פאַרשטאַנען זיי אויסצונוצן צו פאַרשטאַרקן זיין פּערזענליכקייט.

ער האָט ליב געהאַט אַמעריקאַ. אַלע זיינע שריפטן אָטעמען מיט דעם גייסט פון אַמעריקאַ. אין פאָרוואָרט פון זיין בוך: „בלעטער פון גראָז", האָט ער געשריבן: „די פאַראייניגטע שטאַאַטן זיינען פאַר זיך אַליין די גרעסטע פּאָעמע". ער האָט אויך באַזונגען דעם דורכשניטליכן מענשן, האַבענדיק שטענדיק אין געדאַנק די דעמאָקראַטיע וואָס איז געווען זיין הויפּט אידעאַל. אַ דעמאָקראַטיע אין טיפסטען זין פון וואָרט. אַ דעמאָקראַטיע וואו יעדער איינער זאָל זיין פריי און די יחידים זאָלן זיין קאָלעקטיוו פאַראייניקט אין אַ דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט. פונקט ווי ער האָט ליב געהאַט דאָס פרייע, ריין מענשליכע לעבן, אַזוי האָט ער פיינט געהאַט דאָס קאָנווענציאָנעלע לעבן מיט אַלע אירע פאָזן און פאָרמען. זיין פּאָעמע: "דאָס געזאַנג פון פרייען וועג", וואָס געפינט זיך דאָ אין בוך און וועלכע איז איינע פון די וויכטיקסטע דיכטונגען וואָס ער האָט געשאַפן, ווייזט אונז ווי שטאַרק ער האָט ליב געהאַט די נאַטור, ווי באַגייסטערט ער איז געווען פאַר אַ נייעם, פרייען לעבן.

צוליב זיין אָפּרייסן זיך פון די אַלטע פאָרמען און ריטמען אין דער

פּאָעזיע האָט מען פאַר אַ לאַנגע צייט זיין דיכטונג ניט אָפּגעשאַצט. דאָס פאָלק קען פאַרשטעהן פּאָעזיע אין די קאָנוועציאָנעלע פאָרמען, דערפאַר איז וויטמאַן, דער באַזינגער פון פאָלק, פון פאָלק וועניג אָפּגעשאַצט געוואָרן. אָפּגעזעהן דערפון האָט ער דאָך געהאַט אַן אונפאַרגלייכבאַרן איינפלוס אויף דער מאָדערנע אַמעריקאַנער פּאָעזיע. אונטער זיין ווירקונג זיינען אויסגעוואַקסן נייע דיכטער וועלכע שרייבן אין נייע פרייע פאָרמען. קיינער איז אים נאָך ניט איבערגעוואַקסן. ניט בלויז איז ער גרויס אַלס דיכטער, ער איז אויך גרויס אַלס לערער פון אַ גייסטיגער באַפרייאונג. ער איז איינער פון די גרעסטע פּערזענליכקייטן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער האָט דורך זיך ענטפּלעקט דאָס ריין מענשליכע אין דעם מענשן. און מיט רעכט זאָגט ער אין זיין ווערק: „בלעטער פון גראָז", „דאָס איז ניט קיין בוך—ווער עס רירט אָן דאָ בוך, דער רירט אָן אַ מענשן".

פיל קרעדיט פאַר וויטמאַנ'ס גרויסקייט ווערט צוגעשריבן צו זיין „פּערפעקטע מוטער". מיט דעם דאָזיקן טיטל האָט ער איר געקרוינט. אויב זי האָט ניט געהאַט אַ הויכע בילדונג איז זי אָבער בעגאָבט געווען מיט אַ פּראַקטישן שכל און אַ האַרץ פול מיט מוטער־ליבע. איר פיינגעפיל האָט אים ניט נאָר באַגלייט זיין גאַנצען לעבענס וועג, נאָר אויך אין אים איינוואָרצעלט אַ מיסטישע נאַאיוויטעט, וועלכע דריקט זיך אויס, זעהר שטאַרק, אין זיין פּאָעזיע און אין זיינע פּערזענליכע האַנדלונגען מיט די מענשן וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין בארירונג. דאָס ערקלערט אויך פון וואַנען עס נעמט זיך צו אים די בענקשאַפט פאַר איינזאַמקייט בעת זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּיעלט אין אים, אַשטייגער ווי דער רוח הקודש ביים נביא.

א. א.

זיך זעלבסט זינג איך

זיך אליין זינג איך — א פשוטער, אפגעזונדערטער מענש:
דאך זאג איך ארויס דאס ווארט דעמאקראטיש,

איך באזינג די פיזיאלאגיע פון קאפ ביז די פיס;
ניט פיזיאנאמיע אליין, אויך ניט דער גייסט אליין,
איז ווירדיג פאר מיין ליד —

איך זאג, פיל ווירדיגער איז דאס גאנצע געשטאלט
און איר פולקאמענהייט;
איך זינג פון ווייבלאכן, פונקט ווי פון מענלאכן געשלעכט,

איך זינג פון לעבן, אומבאגרעניצט, גרויס אין ליידענשאפט,
אין פולס און קראפט,
פריילאך, מיט פרייסטער טעטיקייט געבויט,
לויט דעם געטלאכן געבאט,
דעם נייעם מענשען זינג איך.

כ׳בין דער וואָס פייניגט מיט ליבע

כ׳בין דער, וואָס פייניקט מיט שטורמישער ליבע;
איבט דען די ערד ניט אויס איר אָנציאונגס-קראַפט?
ציט דען ניט יעדער קערפּער צו, מיט שמערץ,
יעדן אַנדערן קערפּער?
אַזוי ציט אויך מיין אייגענער קערפּער צו אַלץ,
וואָס איך באַגעגן און באַריר.

מוטער און קינד

איך זעה דאָס שלאָפענדיגע קינד,
זיך נעסטענדיג אין מוטער׳ס ברוסט;
די שלאָפענדיגע מוטער און קינד — אין רו;
און לאַנג, גאָר לאַנג באַטראַכט איך זיי.

איך בין אמאל אדורכגעגאנגען
א באפעלקערטע שטאדט

איך בין אמאל אדורכגעגאנגען א באפעלקערטע שטאדט,
און איינגעזאפט אין זיך די איינדריקן, פאר קינפטיגן נוץ,
פון איהרע אויסשטעלונגען, פון איהר ארכיטעקטור,
געוואהנהייטען און טראדיציעס;

דאך, אין דעם איצטיגן מאמענט, פון יענער שטאדט,
געדענק איך בלויז א פרוי,
מיט וועמען ס'האט דער צופאל מיך צוזאמענגעפיהרט,
און וועלכע האט מיך ניט אפגעלאזן
צוליעב איהר ליבע צו מיר;

טאג־איין טאג־אויס, נאכט־איין נאכט־אויס,
זיינען מיר געווען צוזאמען,
אלע אנדערע זאכען האב איך לאנג פארגעסען;

איך זאג, איך קען זיך בלויז עראינערן אין יענער פרוי,
און ווי ליידענשאפטליך זי האט זיך
אין מיר אנגעהאנגען; —

מיר געהען נאך אמאל צוזאמען, מיר ליעבן זיך,
און מיר שיידען זיך ווידער פאנאנדער;

זי האלט מיך נאך אמאל ביים האנד, — איך זאל נישט געהן!

איך זעה איהר נאך אמאל ביי מיין זייט,
מיט שטומע ליפען, טרויעריג און ציטערנדיג.

דיכטער פון דער צוקונפט

דיכטער פון דער צוקונפט! רעדנער, זינגער,
מוזיקער פון דער צוקונפט!
ניט דער היינט קען מיך רעכטפארטיגן, און אן ענטפער
געבן מיר אויף מיין בארוף;
אבער איר, א נייער דור, אן איינגעבארענער, אטלעטיש, לאנד־
פארווארצעלט, גרעסער ווי די אלע ביז אהער,
ערוואכט! שטעט אוף! איר מוזט מיך רעכטפארטיגן—
איר מוזט אן ענטפער געבן.

איך, פון מיין צד, שרייב בלויז אן אנדייטענד ווארט אדער צוויי
פאר דער צוקונפט;
איך טרעט ארוים פאר איין מאמענט בלויז, כדי ווידער גיך
אין פינסטערניש אריין.

איך בין א מענש וואס שלייעט זיך ארום, און שטעלט זיך ניט
אפ אויף לאנג גענוג,
נארווארפט אייך א צופעליקן בליק און ווענדעט־אפ באלד
זיין געזיכט,
איבערלאזענדיק עס אלץ צו אייך, איהר זאלט עס באווייזן
און באשטימען.
דערווארטענדיק די הויפטזאכן פון אייך.

דער דאָזיקער שאָטן, מיין אייגן בילד

דער דאָזיקער שאָטן, מיין אייגן בילד
וואָס גייט אום הין און צוריק,
ער זוכט אַ צייטפאַרטרייב,
און גלוסט צו פּלאַפּלען און צו פּלוידערן;
אָפטמאָל כאַפּ איך זיך:
איך שטיי און קוק
ווי ס'פליט מיין אייגענער שאָטן מיר פאַרביי;
אָפטמאָל פרעג איך זיך און צווייפעל:
אויב ער איז דאָס באמת איך;
— ווען איך געפין זיך אָבער צווישן די
וואָס ליבן מיך
און זינג זיי מיינע לידער,
דאַן צווייפעל איך שוין גאָר ניט
אַז ער איז מיין ריכטיקער איך.

אַ חלום האָב איך געחלומ׳ט

איך האָב געחלומ׳ט אַ חלום און איך האָב אין איהם געזעהן
א שטאָדט,
וואָס איז אונבעזיגבאַר צו די אַנגריפען
פון דער גאַנצער וועלט;
און איך האָב געחלומ׳ט,
אַז דאָס איז געווען די נייע "שטאָדט פון פריינד":
קיין זאַך איז דאָרטען ניט געוועזען גרעסער
ווי די אייגענשאַפט פון שטאַרקער ליעבע—
זי האָט געקעניגט איבער אַלץ;
מ׳האָט עס געקענט זעהן יעדע שעה פון טאָג,
אין די האַנדלונגען פון די באוואוינער פון יענער שטאָדט
און אין זייער יעדען בליק און וואָרט.

וואַגסטו איצטער, אָ, זעל.

1

וואגסטו איצטער, א זעל,
ארויסצוגעהן מיט מיר אין אונבאקאנטען לאנד,
וואו ס'איז ניטא קיין באָדן פאַר די פיס, קיין פירענדיגער וועג?

2

דאָרט איז ניטא קיין לאנד־קארטע, קיין פיהרער,
קיין ווידער קול, קיין בארירן פון א מענשענ'ס האנד,
און קיין געזיכט מיט בליהענדיגער הויט,
קיין ליפען, קיין אויגען ניט, אין יענעם לאנד.

3

איך קען ניט דאָס לאנד, א, זעל!
אפילו דו — אויך קענסט עס ניט.
דאָס דאָרטיגע איז בלויז א לערער רוים פאַר אונז;
דאָס ניט דערטרוימטע וואַרט אויף אונז
אין יענער ספער, אין יענעם אונדערגרייכטן לאנד.

4

דאָס לאנד דערקענען מיר בלויז דאן
ווען אַלע אונזערע קניפען בינדען זיך פונאנד,
(אויסער יענע קניפען פון "צייט" און "רוים",)
ווען פינסטערניש און גראוויטאציע און דאָס באוואוסטזיין
און אַלע אנדערע קניפען פארבינדען אונז ניט מעהר.

5

מיר ברעכען דאַן זיך דורך, מיר שוועבען,
אין "רוים" און "צייט", אַ, זעל, — געגרייט פאַר זיין;
מיר ווערן זייער גלייכען און אויסגעשטאַט צו לעצט, —
(אַ פרייד! אַ פרוכט פון אַלץ)
זיי צו דערפילן
אַ, זעל. —

צו לינקאָלן'ס געבורטסטאָג

פעב. 12

דער דאַזיגער שטויב
איז געווען אַמאָל דער מאַן,
עדעל, פשוט, יושר'דיג און אַנטשלאָסן —
אונטער וועמענס פאַרזיכטיגער האַנד,
(אַנטקעגן דעם מיאוסטען פאַרברעכן
אין דער געשיכטע פון אַלע לענדער אָדער צייטן,)
איז געראַטעוועט געוואָרן
די איינהייט פון די דאַזיגע שטאַטן.

א פרוי וואַרט אויף מיר.

עס וואַרט אויף מיר אַ פרוי, זי האָט אין זיך אַלצדינג,
עס פעלט קיין זאַך ניט.
דאַך וואָלט אַלצדינג געפעלט, ווען ס'וואָלט געפעלט געשלעכט.
געשלעכט פערמאָגט אַלצדינג,
לייבער, זעלען, באַדייטונגען, באַווייזע,
ריינקייטען, צערטליכקייטען, רעזולטאַטען, באַקאַנטמאַכונגען,
געזאַנגען, באַפעלונגען, געזונדקייט, שטאָלץ,
די מיסטעריע פון מוטערשאַפט, דאָס זוימען־מילך;
אַלע האָפנונגען, וואוילטאַטען, געשאַנקען,
אַלע ליידענשאַפטען, ליבעס, שיינקייטען, ערדישע תענוגים,
אַלע רעגירונגען, ריכטער, געטער, פירער פון דער וועלט,
דאָס אַלץ איז אין געשלעכט, ווי טיילן פון זיך זעלבסט,
און באַרעכטיגונג פון זיך זעלבסט.
דער מאַן, וועמען איך ליב,
אנערקענט און רעדט אָפען אָהן שום שאַנד
וועגען דער גרויסער פרייד פון זיין געשלעכט,
די פרוי, וועלכע איך ליב, אַנערקענט און רעדט אָפן,
אָהן שום שאַנד, אויך וועגען איהרם.
איך וועל זיך איצט אָפּקערן פון גלייכגילטיגע פרויען,
כ'וועל גיין צו דער, וואָס וואַרט אויף מיר,
איז אויך צו יענע פרויען,
וואָס זיינען הייס־בלוטיג און שטעלען מיך צופרידען;
איך זע, אַז זיי פאַרשטייען מיך און ווייזען מיך ניט צוריק;
איך זע, זיי זיינען מיך ווערט, —

איך וועל פאר יענע פרויען זיין דער שטארקער מאן.
זיי שטייען ניט נידעריגער פון מיר אפילו אויף קיין פונקט,
זייערע פנים׳ער זיינען פארברוינט פון דער שיינענדיגער זון
און פון שטיפערישע ווינטען,
זייער לייב פארמאגט די אלטע געטליכע קראפט און
ברוויזאמקייט,
זיי קאנען שווימען, רודערן, רייטען, ראנגלען זיך, שיסען, לויפען,
שלאגען, צוריקציען זיך און אנגרייפען,
קעגענשטעלן זיך, און זיך באשיצען,
זיי זיינען אנטשלאסען אין זייער אייגענע רעכט —
זיי זיינען רואיג, קלאר, און קאנען זיך קאנטראלירען.

איך ציי אייך צו צו מיר, איר פרויען!
איך קאן אייך ניט אוועקלאזען, איך טו אייך גוטס,
איך בין פאר אייך און איהר פאר מיר,
ניט בלויז צוליב אונז זעלבסט,
נאר אויך פאר אנדערע צוליב.

עס שלומערען אין אייך פארוויקעלט
פיל גרעסערע העלדען און זינגער,
זיי ווילען דורך קיין אנדער מאנס בארירונג ניט דערוואכען,
ווי נאר דורך מיינער.
דאס בין איך, איר פרויען — איך גיי מיין וועג,
איך ביז שטרייננג, שארף, גרויס,
איך לאז זיך ניט איבעררעדען, דאך ליב איך אייך.
איך טו אייך ניט מער וויי, ווי עס איז נויטיג פאר אייך,
איך שטראם ארויס דעם שטאף פאר דעם געבורט

פון זין און טעכטער, פאסיג פאר די שטאטען;
איך פרעס מיט לאנגזאמען ברוטאלען מוסקול,
איך פארבינד זיך דורך און דורך —
איך הער זיך צו געבעט ניט צו,
איך וואג ניט צוריקציען, ביז איך האב פארפלאנצט
וואס ס'האט אין מיר זיך אנגעזאמעלט לאנג.
דורך אייך לעער איך אויס
די פארשפארטע שטראמען אין מיין לייב,
אין אייך פארוויקעל איך א טויזענט קומענדיגע יארען,
אויף אייך פארזיי איך די זוימען פון מיינע און אמעריקאס
בעסטע קינדער.
די טראפענס וואס איך טריף אריין אין אייך
זאלען זיך אנטוויקלען אין ווילדע אטלעטישע מיידלאך,
נייע קינסטלער, מוזיקער און זינגער,
די קינדער וועלכע איך געבער אין אייך
וועלען אויך געבערען קינדער, אנדערע, צו זייער צייט.
איך וועל פאדערן פאלקאמענע מענער און פרויען
פון מיינע ליבעס־פארשווענדונגען,
איך וועל פארלאנגען זיי זאלן זיך פארבינדן און דורכדרינגען
איינס דאס אנדערע ווי איך מיט דיר דא איצט,
איך וועלווארטען אויף די פרוכט
פון זייער שטראמענדיגען אויספלוס,
ווי איך ווארט אויף די פרוכט פון שטראמענדיגען אויספלוס,
וואס שטראמט פון מיר ארויס אט איצט,
איך וועל פערלאנגען גראטענעם שניט פון דעם געבורט,
פון לעבען, פון טויט, פון דער אומשטערבליכקייט,
וואס איך פערפלאנץ מיט ליבע איצט.

טרערן

טרערן! טרערן! טרערן!
ביינאַכט, אין איינזאַמקייט, טרערן!
טריפנדיק, טריפנדיק אויף דעם ווייסן ים־ברעג,
איינגעזויגן פון דעם זאַמד.
טרערן — אויסגעלאָשן זיינען אַלע שטערן —
אַרום איז שוואַרץ און וויסט,
פייכטע טרערן אין די אויגן פון אַן איינגעהילט געזיכט;
אָ, ווער איז דאָס דער גייסט? —
אַט די געשטאַלט אין דער פינסטערניש, מיט טרערן?
וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרמלאָזער פּאַק,
פאַרקרימט און איינגעבויגען, דאָרט אויף דעם זאַמד?
שטראָמענדיקע טרערן — שלוכצענדיקע טרערן —
וויי און אנגסט, דערשטיקט דורך ווילד געשריי.
אָ פאַרקערפּערטער ים־שטורעם, וואָס שטייגט און רייסט זיך
מיט האסטיקע טריט צום ברעג;
אָ, ווילדער און שרעקלאַכער נאַכט־געוויטער! —
פליצנדיק אין פאַרצווייפלונג!
אָ שאָטן, רואיק און ווירדיק בייטאָג מיט געלאַסענער האלטונג
און רעגלמעסיקע טריט!
ביינאַכט דאָך, ווען דו ווערסט אַנטרונען
און קיינער זעט דיך ניט מער —
אָ, דאַן פרייער ים—
טרערן! טרערן! טרערן!

געטער

1

געדאנק פון דער אומענדלאכקייט —
זיי דו מיין גאט.

2

דו געטליכער געליבטער, דו פולקאמענער קאמעראד,
וואס ווארט, צופרידן, כאטש אומגעזען, דאך זיכער,
זיי דו מיין גאט!

3

א, דו, — דער אידעאלער מענש!
הערליך, מעכטיק, שיין, רואיק, מיט ליבע צו אלץ,
פולקאם אין קערפער און שטארק אין גייסט,
זיי דו מיין גאט!

4

א טויט — (ווייל דאס לעבן האט דאס זייניקע געטאן;)
דו פירער און עפענער פון די הימלשע וואוינונגען,
זיי דו מיין גאט!

5

עפעס, עפעס פון דאס מעכטיקסטע, דאס בעסטע,
וואס איך זע, באגרייף און וויים,
(דעם אומבאוועגלאכן קניפ צו צעררייסן —
צו באפרייען דיך, א, נשמה מיינע,)
זיי דו מיין גאט!

6

אָדער דו, דו אַלטער געדאַנק, אין דיין פאַרטשריט;
איר אַלע גרויסע אידייען, דאַס שטרעבן פון פעלקער,
און אַלץ וואַס דערהויבט, באַפרייט דיך — מיין נשמה!
דאַס העלדנטום, טאַטן פון באַגייסטערטע ענטוזיאַסטן,
זייט איר מיינע געטער!

7

אָדער צייט און רוים;
אָדער דאַס געשטאַלט פון דער געטלאַכער, וואונדערלאַכער ערד,
אָדער מיין איינן געשטאַלט—אָדער אירגענד וועלכן הערלאַכען
נעשטאַלט, וואַס איך זע און פאַרער;
אָדער דער שטראַלנדער, זונען־רינג, אָדער די נאַכט שטערן:
זייט איר מיינע געטער!

גיב מיר די שטילע הערליכע זון

גיב מיר די שטילע הערליכע זון מיט אלע איהרע
בליצענדע שטראהלען;
גיב מיר די זאפטיגע הערבסט־פרוכט — רייף און רויט,
פון דעם גארטען;
גיב מיר א פעלד, וואו ס'וואקסט דאס ניט־געשניטענע גראז;
גיב מיר א שאטען־ביידל, גיב מיר די קלעטערענדע טרויבן;
גיב מיר פרישען ווייץ און קארן; גיב מיר מונטער־וואנדלענדע
חיות, וואס לערנען מיך צופרידענקייט.
גיב מיר טיעף־שטילע נעכט,
ווי אויף די מערב'דיגע אויבערפלאכען פון מיסיסיפי,
און לאז מיך נאך אמאל ארויפבליקען צו די שטערען;
גיב מיר א פריהמארגענדיגען, דופטיג־רייכן גארטען מיט שעהנע
בלומען, וואו איך קען ארומשפאצירן אומגעשטערט;
לאז מיך הייראטן מיט א ליבער פרוי,
פון וועלכער איך זאל קיינמאל ניט מיעד ווערען;
שענק מיר א פאלקאמענדעם קינד; גיב מיר, ווייט פון ליארם
פון דער וועלט, א שטילע דארפישע־היים;
גיב מיר לידער, וואס איך זינג דורך מיין אינערליכען אייגע־
נער קראפט, איינזאם, פאר מיינע אייגענע אויערען בלויז;
גיב מיר איינזאמקייט; גיב מיר. . . ; גיב מיר ווידער, א נאטור,
דיינע אורשפרינגליכע כוחות.
גיב מיר איינזאמקייט; גיב מיר נאטור; גיב מיר ווידער, א
נאטור, דיינע אורשפרונגליכע כוחות.

אין אַ פארטראַכטער שטימונג

1

אין א פארטיפטער שטימונג,
ווען איך האב זיך צוריקגעקעהרט צו מיינע דיכטונגען,
פאַרברייננענדיג מיט זיי אַ לאַנגע צייט,
האט זיך ענטפּלעקט פאר מיר א פאנטאם,
מיט א צווייפעלהאפטער מינע,
מורא׳דיג אין זיין געשטאַלט, עלטער און זיין קראפט, —
דער זשעניע פון די דיכטער, פון די לענדער פון אמאָל;
און זיינע אויגען, ווי צוויי פלאַמען, שאַרף געווענדט צו מיר.
געוויזען האט ער מיט זיין פינגער מיר
געוויסע דיכטונגען אונשטערבליכע,
און מיט אַ דראהענדיגען קול געזאַגט צו מיר אזוי:
"וואס זינגסטו דארט?
צי ווייסטו ניט, אז ס׳איז פאראן נאר איין מאטיוו,
פאר אונשטערבליכע זינגער?
און דאס איז דער מאטיוו, פון קריג, דאס גליק פון שלאכט,
און ווי אזוי מען דארף דערציהען פאלקאמע סאלדאטען?"

2

"זאָל זיין אזוי", האב איך געענפערט,
"אויך איך, הויכמוטיגער שאטען, זינג פון קריג —
און פון א לענגערען און געוואַלטיגערען קריג
וואס מיר האבען ווען געהאט;
מיט הויכען פליה, מיט אנגריף, מיט צוריק טרעטען.

מיט אונזיכערען און אבגעלעגטען זיעג,
(דאך, ענדליך, זיכער, דענק איך, אדער גלייך ווי זיכער),
אויף דעם שלאכט־פעלד פון דער וועלט;
פאר טויט און לעבען — פאר דאס לייב און פאר דער אייביגער נשמה;
אט זעה! אויך איך געקומען בין
צו זינגען דאס געזאנג פון שלאכט,
אויך איך פארלאנג, מעהר פון אלץ — בראווע, מוטהיגע סאלדאטען!"

ווי אדם אין פריהמארגן

ווי אדם אין פריהמארגען,
ארויסגעהענדיג פון זיין געצעלט, פון שלאף דערפרישט —
קוק מיך אן, וואו איך גיי פארביי,
און הער מיין שטים, קום, נעהנטער.
באריהר מיך, מיט דער פלאכע פון דיין האנד,
באריר מיין לייב,
ווען איך גיי דיר פארביי;
האב ניט קיין מורא פאר מיין לייב.

אלט-אירלאַנד

ווייט אַוועק אין מיטען פון א שעהנעם אינזעל,
א ציטערענדע איבער א גרוב, זיצט אויף דער ערד,
אַן אלטע צער־פולע מאמע, א קעניגין אמאָל,
איצט מאָגער, אָפּגעריסען;
איהרע אַלטע ווייסע האָר צעווייהטע,
פאַלענדיג ארום די אקסלען איהרע;
צו איהרע פיס, א קעניגליכע האַרף, לאַנג ניט־באַנוצט,
לאַנג־שווייגענדיג — אויך זי לאַנג־שווייגענדיג —
באַקלאַגענדיג איהר זוהן, איהר האָפנונג, אין תכריכים;
פון אלץ אויף דר'ערד איז ס'האַרץ איהר'ס איבערפילט מיט לייד,
ווייל איבערפילט מיט ליבע.

איין וואָרט דאָך אַלטע מוטער:
דו דאַרפסט ניט ציטערען מעהר דאָרטען אויף דער קאַלטער ערד,
דיין קאָפּ צווישען דיינע קני.
אָ, דאַרפסט נישט זיצען דאָרט, געהילט אין דיינע אלטע
ווייסע האָר אזוי צעווייהט;
ווייל דו דאַרפסט וויסען,
אַז דעם וואָס דו באַקלאַגסט איז גאָר נישט דאָרט אין קבר.
עס איז געוועזען אַן אילוזיע — דער זוהן, דער יורש,
וועמען דו האסט ליעב, איז גאָר ניט טויט געוועזען אין
ווירקליכקייט;
ער איז ניט טויט, — איז אויפגעשטאַנען אויף דאָס־ניי,
א יונגער און שטאַרקער אין אַן אנדער לאַנד;

אפילו ווען דו האסט דארט געוויינט,
בײ דײן געפאַלענער הארף, דארט בײ דער גרוב,
איז דאס געווארען איבערטראָגען פון דער גרוב,
דער ווינט האט עס ארויסגעהאלפען, און דער ים האט עס אוועקגעשיפט,
און איצטער — ראַזיג און מיט נייעם בלוט —
טראָגט זיך עס דורך גאר א נייע לאַנד.

בשעת איך זיץ דאָ אַליין פארבענקט און פארטראַכט

בשעת איך זיץ אַליין דאָ; א פארבענקטער און פאַרטראַכט,
דאַן דוכט זיך מיר, אַז ס'זיצען אויך אַנדערע מענשן
אין אַנדערע לענדער, פאַרבענקט און פאַרטראַכט;
עס דוכט זיך מיר ; איך קען אַריבערבליקן און זיי זעהן,
אין דייטשלאַנד, איטאַליען, שפּאַניען,
אָדער אין דעם ווייטען כינא,
אָדער אין רוסלאַנד און אין אינדיע,
וואו זיי רעדען אַנדערע לשונות און דיאַלעקטן;
און ס'דוכט זיך מיר, ווען איך וואָלט זיי געקענט, די מענשען
פון יענע לענדער, וואָלט איך זיך מיט זיי ברידערליך
פאַרבינדן, ווי מיט די מענשן אין מיין אייגן לאַנד;
אָ איך פיהל, מיר וואָלטן געווען ווי ברידער און ליב געהאַט,
איך וויים דאס איך וואָלט זיך מיט זיי אַ גליקלאַכער געפּיהלט.

אָ קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! *

אָ קאַפּיטאַן! מיין קאַפּיטאַן! אונזער פאַרכטפולע רייזע איז צו
ענד,
די שיף האט יעדען שטורם־ווינט באזיגט און איז מיט גרויס
באלוינונג אנערקענט;
דער האפן איז נאהנט, דאס פאלק מיט פרייד־געשריי זיך רייסט,
און אויגען קוקען צו דער שארפער נאז פון שיף,
די שיף אי בייז אי דרייסט:
דאַך, אָ, מיין הארץ! מיין הארץ! מיין הארץ!
אָ, בלוטענדיגע טראפּענס רויט,
וואו, אויף'ן דעק עס ליגט מיין קאפּיטאן,
געפאלען, קאלט און טויט.

אָ, קאפּיטאן! מיין קאפּיטאן! דערוואך און הער די גלאקען,
די סיגנאלען!
שטיי־אויף — פאר דיר די פאהנען פלאטערן — און די הארנס
שאלען!
פאר דיר די בלומען און די קרענץ, פאר דיר דער עולם ביי דעם
ברעג אזוי געדיכט;
די מחנות רופען דיך, צו דיר א יעדענס נייגעריג געזיכט.

---

*) דאס דאזיגע ליד האט וויטמאן אנגעשריבן אין טאג ווען ער האט
דערהערט אז מען האט ערמארדעט פּרעזידענט אייברעם לינקאלן

דא, פאטער ליבער! קאפיטאן!
דיין קאפ צו אונטערהאלטן איז מיין ארעם גרייט;—
עס איז א חלום, וואס איך זעה דא אויף'ן דעק,
דו ביזט געפאלן, קאלט און טויט!

ער ענטפערט ניט מיין קאפיטאן, — די ליפן בלאס און שטום;
עס שלאגט זיין פולס ניט מער, מיין פאטער פיהלט ניט ווי עס
נעמט מיין ארים אים ארום;
די שיף איז זיכער טיף פאראנקערט, די רייזע איז צו ענד,
די זיגער־שיףביים ברעג, נאך דעם שווערן וועג, איז מיט
באלוינונג אנערקענט:
יובעלט, יובעלט, ברעגן! קלינגט איר גלאקן, קלינגט!
דאך איך, איך וואנדעל אום אין טרויער אנגעקליידט,
אויפן דעק, וואו ס'ליגט מיין קאפיטאן,
געפאלן, קאלט און טויט.

וואונדער איבער וואונדער

וואָס? ווער מאַכט א וועזען פון א וואונדער?
אויף וויפיעל עס איז שייך מיר אליין,
וויים איך פון קיין זאַך ניט, וואָס איז ניט אַ וואונדער?
צי איך וואַנדער דורך די גאַסן פון מאַנהעטן,
אָדער ווען איך וואַרף מיין בליק איבער דעכער פון די
הויכע הייזער,
אָדער איך בראָדזשע אום מיט נאַקעטע פים ביים ים,
ביים וואַסער־זוים,
צי ווען איך שטעה אונטער די בוימער אין וואַלד,
אָדער איך רעד בייטאָג מיט איינעם, וואָס איך ליעב,
צי איך שלאָף בייגאַכט מיט איינער, וואָס איך ליעב,
צי ווען איך זיץ ביים מיטאָג־עסען צוזאַמען מיט מיין מוטער,
אָדער ווען איך קוק אויף פרעמדע,
וועלכע זיצען נעגען איבער מיר אין באַהן,
צי ווען איך באַטראַכט די ביהנען,
ווי זיי זשומען ארום דעם ביהנשטאָק אין א זומער־מארגן,
צי די חיות וואָס פיטערען זיך אויף די פעלדער,
צי די פייגל אָדער די וואונדער פון אינסעקטען אין דער לופט,
אָדער די וואונדערבארקייט פון זון־פארגאַנג,
צי פון די שטערן, ווי זיי פינקלען העל און רוהיג,
אָדער די וואונדערפולע, צאַרטע,

שמאָלע רונדיגקייט פון דער נייער לבנה אין פריהלינג;
צי ווען איך שפּאציר ארום צווישען די,
וואָס איך ליעב אַמבעסטען,
און זיי ליעבען מיך אַמבעסטען—מעכאַניקער,
שיף־לייט, פּארמער,
אָדער צווישען די חכמים, אָדער מיט געזעלשאַפט אין אָבענד
אָדער אין דער אָפּערא,
צי ווען איך שטעה און קוק זיך צו
צו דער באוועגונג פון מאַשינעריי,
אָדער ווען איך זעה ווי קינדער שפּיעלען זיך,
צי ווען איך באטראכט דעם וואונדערבארען אַנבליק פון
אַלטען מאַן, אָדער פון פערפעקטער אַלטער פרוי,
אָדער די קראַנקע אין די שפּיטאַלען,
צי די טויטע וואָס מען פיהרט צו קבורה,
צי ווען איך זעה מיין אייגענע פיגור
און מיינע אויגען אין שפּיגעל;
דאָס אַלץ, און גאָר דאָס גאַנצע איבריגע,
דאָס איינציגע און אַלץ צוזאַמען, זיינען ביי מיר וואונדער,
דאָס גאַנצע געהט צוזאַמען —
אַ יעדע זאַך איז באַשטימט אין זיך,
און אויף דעם ריכטיגען אָרט.

———————————————

פאַר מיר איז יעדע שעה פון ליכט און פינסטערניש
אַ וואונדער,

יעדער קוביק־צענטימעטער פון דעם רוים איז מיר א וואונדער,
יעדער פיער ־עקיגער פלאץ אויף דער פלאכע פון דער ערד
איז פול מיט דעם זעלבען,
יעדער שפאן פון אינעווייניג פון דער ערד
ווימעלט מיט דעם זעלבען;
יעדער שפיץ גראז — די פארמען, די גלידער, ארגאנען פון
מענער און פרויען, און אלץ וואס האט מיט זיי צו טהאן,
די אלע זאכען זיינען דאך פאר מיר
אונאויסדריקליכע פערפעקטע וואונדער.
פאר מיר איז דער ים א שטענדיגער וואונדער;
די פיש וואס שווימען, די פעלזן, די באוועגונג פון די
כוואליעס, די שיפן מיט מענשן אויף זיי,—
צי זיינען דען פאראן פיעל זעלטענערע וואונדער?

ווען איך האָב דאָס בוך געליינט

ווען כ'האָב דאָס בוך געליינט, די באַרימטע ביאָגראַפיע,
האָב איך געטראַכט:
אָט דאָס, הייסט ביי דעם אויטאָר אַ מענשענ'ס לעבען?
און אויף דעם זעלבען שטייגער וועט איינער, נאָך מיין טויט,
אויך שרייבען וועגען מיר?
(ווי ס'וואָלט כאָטש אימיצער,
דאָס אמת'ע פון מיין לעבען וואָס געוואוסט,
איך אליין דאָך, ווי איך טראַכט ביי זיך גאַנץ אָפט,
ווייס ווייניג אָדער גאָרנישט פון מיין וואָהרען לעבען;
עטליכע אָנדייטונגען בלויז — עטליכע שוואַכע,
צערשטרייטע אָנוויז־פונקטען און בייוועגען,
וואָס איך זוך דאָ צו ענטדעקען פאַר מיין אייגענעם באַדאַרף).

צו דיר

פרעמדער! אויב דו באַגעגענסט מיך, בשעת דו גייסט פאַרביי,
און דו פאַרלאַנגסט צו מיר צו רעדן,
פאַרוואָס זאָלסטו צו מיר ניט רעדן?
און פאַרוואָס זאָל איך צו דיר ניט רעדן?

פון דער מאַסע וואַסער פון דעם כוואַליעדיגען ים

1

ס'איז היימליך צו צו מיר אַ טראָפּען פון דער מאַסע וואַסער
פון דעם כוואַלעדיגען ים,
און איינגערוימט: "איך ליב דיך, איידער איך פאַרשווינד.
איך האָב אַ לאַנגען וועג באַרייזט,
בלויז אָנצוקוקען און אָנצוריהרען דיך;
ווייל איך האָב שטאַרבען נישט געקענט, איידער איך האָב דיך
כאָטש איין־און איינציג מאָל געזעהן
ווייל איך האָב זיך געשראָקען, טאָמער וועל איך דיך פאַרלירען".

2

— נו, האָבען מיר זי איצט באַגעגענט, זיך געזעהן,
און זיינען שוין באַרוהיגט;
קער זיך איצט צוריק צום אָקעאַן, געליעבטע מיינע,
עס איז אַ קליינער אונטערשייד צווישען מיר און דיר;
אָט זעה דעם גרויסען רונד־ארום;
אָט דעם צוזאַמענהאַנג דעם גאַנצען;
דאָך ווי פאַר מיר, אַזוי פאַר דיר, באַשטימט דער עקשנות'דיגער
ים אונז צו פאַנאַדערשיידען;
ווי ער טראָגט אונז, פאַרשידענע, איינס פון אנדערען,
פאַר איין שעה,
דאָך קען ער אונז נישט טראָגען אַלס פאַרשידענע
אויף שטענדיג;
האָב געדולד, אַ קליינע ווייל,
וויבאַלד איך וויים שוין איצט פון דיר,
נו, גריס איך, ליעבסטע, דיר צוליעב, אַ יעדען טאָג,
ביים זון־פאַרגאַנג, די לופט, דאָס לאַנד און דעם אָקעאַן.

צו א שטאַרבענדען

פון אַלע אַנדערע קלייב איך דיך אויס, איך האָב צו דיר
א שליחות.
דו מוזט שטאַרבען — זאָלען אַנדערע ריידען וואָס זיי ווילען,
איך מוז דיר אָבער דעם אמת זאָגען: איך בין עהרליך און אומ־
רחמנות'דיג,
דאָך ליב איך דיך — דו קענסט אויף קיין אופן ניט אנטרינען.

איך לעג צאַרט מיין רעכטע האַנד אויף דיר—דו קענסט זי פיהלען,
איך וויל דיר ניט איינרעדען, איך בויג־איין מיין קאָפּ,
און דעק האַלב איהם צו,
איך זיץ רוהיג ביי דיין בעט — איך בלייב דיר טריי,
איך בין מעהר ווי א וועכטערן, מעהר ווי א פאָטער אָדער שכן,
איך באַפריי דיך פון אַלצדינג, א חוץ פון דיר אליין,
פון דאָס קערפּערליכע און דאָס גייסטיגע, וואָס בלייבט אומ־
שטערבליך;
דו זעלבסט וועסט אויף זיכער אנטרינען,
דער גוף וואָס דו לאָזט איבער איז ניט מעהר ווי פסולות.

די זון דרינגט אריין דורך אונזיכטבאַרע וועגען;
שטאַרקע געדאַנקען באַהערשען דיך,
און פאַרטרויאונג; דו שמייכעלסט,
דו פאַרגעסט, אז דו ביזט קראַנק, ווי איך אליין פאַרגעס עס.
דו זעהסט ניט די מעדיצין,
דו שענקסט קיין בליק די וויינענדיגע פריינד,
איך בין מיט דיר, איך האַלט צוריק די אַנדערע פון דיר,
ס'איז ניטאָ וואָס רחמנות צו האָבען.
איך האָב ניט קיין רחמנות—איך באַגריס דיך.

SALUT AU MONDE!

(אַן אויסצוג)

איר, נעבלען! איך גלויב, איך בין מיט אייך אויפגעשטיגן, און
אוועק געררייזט מיט אייך אין ווייטע קאָנטינענטן און דאָרט
אראָפּגעשטיגן;
אָ, ווינטן, איך האָב מיט אייך געווייהט;
אָ, וואַסערן, כ'האָב יעדען ברעג ווי איר באַרירט.

איך האָב מיך דורכגעשפּאַרט, וואו נאָר אַ טייך
אָדער שמאָלער וואַסער־פּאַס האָט זיך אויף דער
ערד־קוגעל דורכגעשפּאַרט;
איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט אויף די פונדאַמענטן
פון די האַלב־אינזלען,
און אויף הויך אַנגעוואַרפענע פעלזען,
פון דאָרט ארויסצורופען אויף'ן קול:

SALUT AU MONDE!

אין אַלע שטעט, וואו נאָר דאָס ליכט, די וואַרמקייט דרינגט דורך,
די אַלע שטעט דרינג איך אויך דורך;
צו אַלע אינזלען, וואוהין די פייגעל פליען —
אהינצו שווינג איך אויך.
צו אַלע אייך,
הויב איך די פּערפּענדיקולאַרע האַנד — איך גיב דעם צייכען,
עס זאָל נאָך מיר אין אַנבליק בלייבען אויף שטענדיג,
פאַר יעדען דאָרט, פאַר יעדען מענשענס היים.

דאָס געזאַנג פון דעם פרייען וועג

1

צו פוס און מיט א לייכט געמיט,
לאָז איך זיך אין פרייען וועג אריין,
געזונט, און פריי, די וועלט פאַר מיר פאראויס,
פאַר מיר דער לאַנגער, ברוינער וועג,
וואָס פירט מיך וואוהין איך וויל אליין.
פון היינט און ווייטער פארלאַנג איך ניט קיין גליק,
איך בין דאָס גליק אליין;
פון היינט און ווייטער דאַג'ע איך ניט מער,
לעג מער ניט אָפּ, איך דאַרף מער גאַרנישט,
געזונט און צופרידן, לאָז איך זיך אויף'ן פרייען וועג ארויס.

די ערד — דאָס איז גענוג;
איך וויל די שטערן נישט דערנעהנטערן צו זיך.
איך ווייס אַז וואו זיי זיינען, זיינען זיי אויפ'ן ריכטיגן אָרט;
איך ווייס, זיי באפרידיגן יענע, צו וועלכע זיי באַלאַנגען.
דאָך טראָג איך דאָ די אַלטע אנגענעמע לאַסטן מיט;
איך טראָג זיי, מענער און פרויען —
איך טראָג זיי מיט, מיט מיר, אוואו איך געה;
איך שווער, עס איז אוממעגליך מיר פון זיי זיך צו באפרייען;
מיין איך איז פול מיט זיי,
און וועל מיין איך זיי צוריק אומקערן.

2

דו פרייער וועג, וואָס איך באַטרעט און פאַרנעם מיט מיין אויג,
איך גלויב דו ביזט ניט אַלץ, וואָס איז פאַראַן;
איך גלויב, דאָס דאָ איז פיל פאַראַן,
וואָס איז נאָך ניט צום מערקן;
אָט דאָ דערקענט זיך ערשט די טיפע לערע פון אויפנעמען
אַ פריינד—ניטאָ קיין געהויבענער און קיין פשוט'ער.
דער שוואַרצער מיט זיין וואָלענעם קאָפּ האָר, דער פאַרברעכער,
דער קראַנקער, דער ניט־געבילדעטער—זיי ווערן קיינמאָל
ניט פאַרשטויסן;
דאָס געבורט, דאָס לויפן נאָכ'ן דאָקטאָר, דאָס בלאָנדזשען פון
דעם בעטלער, דאָס וואַקלען פון דעם שיכור, די פריילעכע
חברה־אַרבייטער;
דער אַנטלאָפענער בחור, דעם רייכענ'ס עקוועפּאַזש,
דער פראַנט, דאָס אַנטלאָפענע פּאָרל;
דער מאַרק־הענדלער אין פריה־מאָרגן, דער טויטנ־וואָגן,
דאָס טראַנספּאָרטירן פון מעבל אין שטאָט אריין
און דאָס צוריקקערן זיך פון שטאָט;
זיי גֶעהען פאַרביי — אויך איך געה פאַרביי —
און אַלעס געהט פאַרביי—ס'איז קיינעם ניט פאַרווערט;
קיין זאַך ווערט דאָ ניט צוריקגעוויזן —
קיין זאַך, וואָס זאָל מיר זיין ניט ליב.

3

דו, לופט, וואָס דינט מיין אָטעם מיר צו ריידן!
איר אָביעקטן, וואָס רופן צונויף מיינע געדאַנקן פון זייער
תהו ובוהו און גיבן זיי געשטאַלט,
דו, ליכט, וואָס וויקעלסט מיך אַרום און אַלע אַנדערע זאַכן מיט

א דינעם גלייכמאָסיגן רעגן,
איר, אויסגעטראָטענע סטעזשקעס,
וואָס לויפן קרומליך אויסגעהוילט פון ביידע זייטן וועג,
איך גלויב, איר באַהאַלט אין זיך פאַרבאָרגענע עקזיסטענצן,
וואָס זיינען מיר אזוי טייער.
איר, ברוקירטע שפּאַציר־פּלעצער פון די שטעט!
איר, פעסטע שטיינער צוימען ביי די ברעגן גאַס!
איר, פּערעס! איר, פּלאַנקן און סלופּעס ביי די האַפן!
איר, האָלץ־באַדעקטע זייטן! איר, ווייטע שיפן!
איר, רייען הייזער! איר, מיט פענסטער־דורכגעלעכערטע פאַסאַדן!
איר, דעכער!
איר, וואַראַנדעס און פאַר־הייזער, איר, געזוימסען מיט די שטאַכעטן!
איר, פענסטער, וועמענס דורכזיכטיגע שויבן וואָלטן פיל אַרויסגעצייגט!
איר, טירן און אויפשטייגענדע טרעפּ! איר, געוועלבן!
איר, גרויע שטיינער פון די ענדלאָזע טראַטואַרן!
איר, איינגעטראָטענע שייד־וועגן!
פון אַלץ וואָס אייך האָט נאָר באַרירט, גלויב איך,
האָט איר עטוואָס אין זיך אַריינגענומען, און קאָנט עס איצט מיט מיר בסוד זיך טיילן;
איך דענק, אז מיט לעבעדיגע און מיט טויטע,
האָט איר אייערע טעמפּע אויבערפלעכן באַפעלקערט,
און זייערע גייסטער וואָלטן געקאָנט זיך פריינדליך
איצט פאַר מיר ענטפּלעקן.

4

די ערד, וואָס ציהט זיך רעכטס און לינקס;
דאָס לעבענס־רייכע בילד, אַ יעדער טייל אין פיינסטען ליכט;
די מוזיק, וואָס פאַלט אריין וואו עס פּאַסט זיך צו,
און שווייגט וואו עס פּאַסט זיך ניט צו,
די מונטערע שטימע פון דער פרייער לאַנדשאַפט —
דאָס פרעהליכע, פרישׁ געפיל פון ברייטן וועג.
אָ, ברייטער וועג, איך געה! אָ, פרייער, וועג! זאָגסט דו:
"פאַרלאָז מיך ניט!"
זאָגסט דו: "ניט וואַג, פאַרלאָזט מיך, ביזטו פאַרלאָרן!"
זאָגסט דו: "איך בין שוין גרייט—בין אויסגעטראָטן שטאַרק
און ניט פאַרלייקענט האַלט זיך מיט מיר!"
אָ, פרייע גאַס! איך ענטפער צ'ריק, איך האָב קיין מורא ניט
דיך צו פאַרלאָזן—איך ליב דאָך דיך;
אָ, דו דערקלערסט מיר בעסער נאָך, ווי איך קאָן דאָס אַליין;
דו זאָלסט מיר זיין פיל מער אפילו ווי מיין אייגן ליד.
איך דענק, אז אַלע העלדן־טאַטן זיינען דורגעפירט געוואָרן
אויף דער פרייער לופט און אויך די אַלע פרייע דיכטונגען;
איך דענק, איך וואָלט אַליין געקאָנט זיך דאַ פאַרווײלן,
און אויפטון וואונדער;
(מיין אורטייל און מיין געדאַנק
ווערן ערשט אויף פרייען וועג אויספּרובירט;)
איך דענק, וואָס נאָר איך זאָל אויף'ן וועג באַגעגענען,
זאָל מיר באַלד געפעלן,
און ווער עס וועט מיך נאָר דערזעהן,
דעם זאָל איך אויך געפעלן;

איך דענק, די אַלע וועמען איך דערזעה, זיי מוזזן גליקליך זיין.

5

פון היינט און ווייטער, פרייהייט!
פון היינט און ווייטער, ערקלער איך מיך באַפרייט
פון אַלע שטערונגען און אויסגעטראַכטע גרענעצן;
איך געה וואוהין איך וויל, בין אבסאלוט איצט פריי,
א הערשער איבער זיך אליין;
איך הער זיך איין צו אנדערע,
און דענק איבער אַלץ וואָס זיי ריידן,
איך פערוויל זיך מיט זיי, איך פאָרש,
פאַרנעם און איך בעטראַכט,
בין מילד, נאָר מיט א פעסטן ווילן באפריי איך זיך
פון די שטריק וואָס וואלטן מיך געבונדן.
איך אָטעם די לופט פון רוים מיט א פולער ברוסט;
מזרח און מערב איז מיין; צפון און דרום איז מיין.
איך בין בעסער, גרעסער, ווי איך האָב געטרוימט פון זיך;
איך האָב גאָרניט געגלויבט דאָס איך פאַרמאָג אַזויפיל גוטסקייט,
פאַר מיר זעהט אַלצדינג אוים'עט שעהן;
איך קען צו מענער און צו פרויען זאָגן: איר האָט מיר פיל גוטס געטאָן, איך וויל דאסזעלבע טאָן צו אייך.
איך וועל זיך פאַרפאַלקאָמען פאַר מיר, פאַר אייך,
וואו נאָר איך וועל געהן,
איך וועל צעוואַרפן זיך צווישן מענער און צווישן פרויען
וואו נאָר כ'וועל געהן;

איך וועל שליידערן צווישן זיי א נייע פרייד
און אַ נייע פרייהייט;
וועט ווער זיין געגן מיר, נו, וועט מיך אויך ניט אַרן;
וועט ווער מיך אנערקענען, ער צי זי,
זאָלן זיי זיין געבענשט, אויך מיך וועלן זיי בענטשען.

6

אויב א טויזענד פאָלקאָמענע מענער וואָלטן איצט ערשיינען,
וואָלט עס מיך גאָר ניט געוואונדערט;
אויב א טויזענד שעהנע פרויען וואָלטן איצט ערשיינען,
וואָלט עס מיך ניט איבעראשט;
איצט ענפלעקט זיך מיר דער סוד ווי סווערען געשאַפן
פאָלקאָמענע מענשן,
פארפאָלקאָמט דורך לעבן אויף דער פרייער לופט
און עסן און שלאָפן מיט דער ערד.
אויף פרייען וועג איז רוים גענוג פאראן פאַר גרויסע טאַטן;
א גרויסע טאַט באַגייסטערט דאָס הארץ פון יעדן מענשן,
איר אויסדרוק פון קראַפט און ווילן איבערוועלטיגט געזעץ,
פאַרשפאָט אויטאָריטעט און יעדע אויסזעצונג געגן איר.
דאָ ווערט די מענשליכע חכמה אויספּרובירט;
נישט אין די שולן ווערט די חכמה אויספּרובירט;
די חכמה קאָן ניט איבערגעהן פון איינעם, וועלכער האָט זי —
צו איינעם וועלכער האָט זי ניט;
ווייל חכמה קומט פון דער נשמה, מ׳קען זי ניט דערווייזן,
זי איז איר אייגענער באַווייז,
זי באַציט זיך אויף אַלערליי מדרגות, זאַכן און אייגענשאַפטן,

גלויבט פעסט אין זיך אליין.
זי איז די זיכערקייט פון דער ווירקליכקייט פון אלץ
און איז די שיינקייט פון אלץ;
עפעס איז דא אין דעם שטראם פון די ערשיינונגען,
וואס רופט ארויס די חכמה פון דער נשמה.
איצט אונטערזוכ איך אויף דאס ניי די פילאזאפיע און די
רעליגיעס,
זיי מעגן אויסזעהן עכט אויף די פלאטפארמען, זיי קאנען אבער
אויסזעהן פאלש אונטער די אויסגעשפרייטע וואלקענס,
ביי די פעלדער אוןביים לויפענדן שטראם.
דא ווערט דער מענש רעאליזירט;
דא פאסט ער זיך ריכטיג צו — דא דערקענט ער ערשט,
וואס עס איז אין אים פארבארגן;
די פארבארגענקייט און די צוקונפט, די ערהאבענקייט,
אויב זיי האבן דיך ניט — האסטו זיי ניט.

בלויז דער קערן פון יעדער זאך גיט נארונג;
וואו איז דער מענש וואס רייסט די שאלאכין אפ פאר דיר
און פאר מיר?
וואו איז דער מענש וואס דעקט דעם שקר אויף פאר דיר,
פאר מיר?
דא איז צוזאמענהאנג פאראן—ס'איז ניט מיט א כיון צוגעגרייט
—ס'איז אלצדינג אויפ'ן ארט;
ווייסטו וואס עס באדייט געליבט צו זיין פון פרעמדע,
ווען דו געהסט זיי פארביי?

קאַנסטו די שפּראַך פון אויסדרוקספולע שוואַרצאַפּלען?

7

דאָ געפינט אַן אויסדרוק די נשמה;
דער אויסדרוק פון דער נשמה קומט פון אינוועניג, דורך
טונקעלע טויערן, און רעגט תמיד אַן צו שטעלן פראַגן.
די בענקשאַפטן, צוליב וואָס? די געדאַנקען אין דער טונקעלהייט,
נאָך וואָס דאַרף מען זיי?
ווי קומט עס וואָס עס זיינען דאָ אַזעלכע מענער און פרויען,
וואָס אין זייער נאָהענטקייט פיל איך ווי עס וואַלט
די זון מיין בלוט מיר צוּוואַרעמט?
ווי קומט עס, אַז ווען זיי פאַרלאָזן מיך, פאַלן די פעהנער
פון מיין פרייד נידריג צו ד'רערד?
ווי קומט עס, וואָס עס זיינען דאָ אַזעלכע בוימער, וואָס אַז איך
געה שפּאַצירן אונטער זיי, דאַן לאָזן זיך צו מיר פון זיי
אַרונטער פרעהליכע, מעלאַדישע געדאַנקען?
(איך דענק זיי הענגען ווינטער און זומער אויף די בוימער
און ווען איך געה זיי פאַרביי,
אַזוי פאַלט פרוכט צו מיר אַראָפּ;)
וואָס איז דאָס וואָס איך באַהעפט זיך גיך מיט פרעמדע?
אַמאָל מיט אַ קוטשער,
ווען איך פאָר מיט אים, זיצענדיג ביי זיין זייט?
צי מיט אַ פישער, ווען ער ציט זיין נעץ צום ברעג אַרויס,
און איך געה פאַרביי און באַטראַכט אים?
און וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס מאַכט מיך געווינען פריי דעם

צוטרוי פון מאַן, צו פרוי,

און וואָס איז דאָס אזוינס וואָס מאַכט זיי פריי דעם צוטרוי
צו געווינען אויך פון מיר?

8

דער אויסדרוק פון דער נשמה איז גליק —
דאָס איז עכטער גליק;

עס דרינגט דורך די פרייע לופט, וואַרטענדיג אין אַלע צייטן;

איצט שטראָמט עס פריי דורך אונז —
מיר זיינען איבערפילט דערמיט.

דאַ דערהויבט זיך דער שטראַלענדיגער,
באַהעפטענדיגער כאַראַקטער;

דער שטראַלענדיגער, באַהעפטענדיגער כאַראַקטער
איז דאָס פרישקייט און די זיסקייט פון מאַן און פרוי;

(די קרייטער פון פרימאָרגן שפּראָצן טעגליך ניט פרישער
און ניט זיסער פון זייערע וואָרצלען ווי דער כאַראַקטער
וואָס שפּראָצט פריש און זיס פון זיך אַליין אַרויס.)

צום פליסענדן און באַהעפטענדן כאַראַקטער טריפט דער זאַפט
פון ליבע פון יונג און אַלט;

פון דעם שטראָמט דער געלייטערטער צויבער,
וואָס שטייגט איבער שיינקייט און קונסט.

צו דעם כוואַליעט זיך אַנטקעגן דער ציטערדיגער,
בענקענדיגער שמערץ נאָך באַהעפטונג.

9

אַללאָן! ווער דו זאָלסט ניט זיין, קום מיט מיר!

געהענדיג מיט מיר, וועסטו געפינען דאָס,

וואס וועט דיר קיינמאל מאכן מיד.
די ערד מאכט קיינמאל ניט מיד.
פון אנפאנג איז די ערד רוי און אומפארשטענדליך;
די נאטור איז רוי און אומפארשטענדליך,
ביז מען ווערט מיט איר אינטים.
ווער ניט אנטמוטיגט! פארויס!
געטליכע זאכן זיינען אין איר פארבארגן;
איך שווער, עס זיינען פאראן געטליכע זאכן,
פיל שענערע ווי ווערטער קאנען ארויסזאגן;

אללאן! מיר דארפן זיך דא ניט פארווייל׳ן!
ווי זיס עס זאלן זיין די אנגעזאמעלטע זאפאסן,
ווי באקוועם עס זאלן זיין די וואוינונגען,
מיר קאנען דא ניט בלייבן;
ווי באשיצט דער האפן זאל אויך זיין,
דאס וואסער שטיל — מיר טארן דא ניט אנקערן.
ווי ליב עס זאל אונז זיין די גאסטפריינדשאפט
וואס רינגעלט אונז ארום —
מיר קאנען דאס בלויז אויף א ווייל געניסן.

10

אללאן! דער רייז מוז שטארקער זיין!
מיר וועלן אהן א וועג אויףווילדע ימים רייזן;
מיר וועלן געהן אהין וואו ווינטן וואוינען,
וואו כוואליעס שטורמען, און דער יענקי־קליפער
פליט מיט פולע זעגלן פלינק פארביי.

אללאָן! מיט קראַפט, מיט פרייהייט, מיט דער ערד און אַלע עלעמענטן!
געזונדהייט, ווידערשטאַנד, פרעהליכקייט,
זעלבסטאַכטונג און נייגעריגקייט;
אללאָן! פריי פון אַלע פאָרמעלן!
פון אייערע פאָרמעלן,
אָ פארבלענדטע און מאַטעריאַליסטישע גלחים!
דער אַלטער, טויטער קערפּער פארשפּאַרט דעם וועג —
דו וואַרט ניט לענגער.
אללאָן! דאָך לאָמיר דיך וואָרנען:
דער וואָס רייזט מיט מיר, מוז האָבן דאָס בעסטע בלוט,
קרעפטיגע מוסקולן און געדולד;
זאָל זיך קיינער ניט שטעלן צו דער פּראָבע,
ביז ער, צי זי קאָן ברייגען מוט און געזונטקייט.
קום ניט אַהער, אויב דאָס בעסטע האָסטו שוין פון זיך פאַר־שווענדט; בלויז יענע זאָלן קומען, וואָס האָבן שעהנע און בראַווע קערפּערס;
קיין קראַנקער, קיין שיכור, קיין ווענעריש־באַפלעקטער —
זיי ווערען דאָ ניט צוגעלאָזן;
איך און די מייניגע איבערצייגן ניט דורך באַווייזן,
דורך סימיליען, גראַמען;
מיר איבערצייגן מיט אונזער זיין.

11.

הער אויס! איך וויל אויפריכטיג זיין מיט דיר;
איך באָט ניט אָן די אַלטע גלאַטע מתנות,

נאָר פרישע נייע מתנות;
איך וויל דיר ווייזן דעם וועג אויף וועלכן דו דאַרפסט געהן:
זאמעל ניט אָן קיין הויפענס פון רייכטום;
צוזעע, צושפרייט מיט פרייער האַנד
וואָס דו פאַרדינסט און דערוועַרבסט;
דו ביזט נאָר וואָס אָנגעקומען אין דער שטאָט, וואָס דיר איז
באַשערט געווען—דו האָסט זיך קוים איינגעאָרדענט און
ווערסט גערופן, געצוואונגענערהייט, שוין אָפּצופאָרן;
וועסט ווערן דער ציל־פונקט פון איראָנישן שמייכל און שפּאָס
פון יענע צ׳ריק־פּאַרבליבענע;
וואָס פאַר א רייצונגען פון ליבע זאָלן דיר ניט צ׳ריק האַלטן,
דו זאָלסט בלויז ענטפערן מיט ליידענשאַפטליכע
אָבשיידסקושן;
זאָלסט ניט דערלויבן יענע אָפענע אויסגעשטרעקטע הענט
לאַנג דיך צ׳ריק צו האַלטן.

12

אַלאָן! קום, נאָכגעהן די גוטע חברים!
און צו ווערן איינס מיט זיי!
אויך זיי זיינען אונטערוועגנס! זיי זיינען די פלינקע און
מאַיעסטעטישע מענער; זיי זיינען די וואונדערבאַרסטע
פרויען.
איבער אַלץ וואָס האָט געהינדערט זיי אין וועג —
איבער אַלץ וואָס האָט זיי צוריקגעהאַלטן
איבער די גרויסע און קליינע שטערונגען.
פאַרברעכענס באַגייער, באַגייער פון פילע גוטע טאַטען,

ליבהאָבער פון שטילע ימים און פון שטורמדיגע ימים,
מאַטראָזן פון פילע שיפן,
צו־פוס געהער פון ווייטע מיילן אויף'ן לאַנד;
באַוואוינער פון פילע ווייטע לענדער,
איינוואוינער פון ווייטע היימען,
אַנפערטרויער אין מענער און פרויען,
בעאָבאַכטער פון שטעט, איינזאַמע אַרבייטער,
פאַרווײַלער, בעטראַכטער פון קוסטען,
בלומען און מויערן־קעפּ פון ברעג ים,
טענצער אויף חתונות, קושערס פון כלות, צאַרטע אויפזעהער פון
קינדער, פרויען וואָס געבערן קינדער;
קעמפער אין רעוואָלטן, מענשן וואָס שטעהן ביי אָפענע קברים
און לאָזן די אָרון'ס אַרונטער,
באַרייזער פון אַלע פיר צייטן פון יאָר, אַלע יאָרן —
די וואונדערבאַרע יאָרן,
יעדער יאָר ענטשטעהענדיג פון פריערדיגן יאָר,
מענשן, וואָס רייזן מיט באַגלייטער, נעמליך:
מיט די פאַזען פון אייגענער פאַרוואַנדלונג,
מאַרשירן אַרויס פון די פאַרבאָרגענע אונפאַרווירקליכטע
קינדער יאָרן,
רייזן פרעהליך מיט זייער אייגענער יוגענד —
רייזן מיט דער באָרדיגער קרעפטיגער מאַנשאַפט,
זיי רייזן מיט דער פרויענשאַפט, פאַלקאָמען,
ניט איבערטראָפן, צופרידן.

רייזענדע מיט זייערע אייגענע נאבעלע גרייז־גרויע
זקנים און זקנות.
די עלטער רוהיג, אויסגעשפרייט,
ברייט מיט א שטאלצן אטעם פון גאנצן אוניווערז.
די עלטער, פליסענדיג פריי
מיט דער אנגענעמער נאהענטער פרייהייט פון טויט.

13

אללאן! צו דעם וואס האט קיין אנהויב פונקט
אזוי ווי עס האט קיין סוף!
פיל דורכצוגעהן, מארשירן בייטאג און רוהען ביינאכט;
צו שטרעבן, אז אלץ זאל מיט דער רייזע זיין פארבונדן,
צו צילן אויך אויף די טעג און נעכט;
און ווידער די רייזעס אופגעבן, אום העכערע רייזעס אנצוהויבן.
און גארניט צו זעהן, וואס דו זאלסט ניט קאנען דערגרייכן
און אויך פארבייגעהן;
ניט צו טראכטן פון צייט, ווי ווייט זי זאל ניט זיין, וואס דו
זאלסט ניט קאנען דערגרייכן און מיט איר זיך שיידן;
ניט צו קוקן אויף קיין וועג, ארויף, צי אראפ,
סיידן ווען ער שפרייט זיך אויס גאנץ ברייט
און ווארט אויף דיר — ווי לאנג ער זאל ניט זיין,
סיידן ער ציט זיך אויס און ווארט אויף דיר;
קיין וועזן ניט צו זעהן, ניט גאט, און קיינעם —
נאר אויב דו גייסט אין יענער ריכטונג.

קיין אייגענטום ניט זעהן, וואס די זאלסט ניט קאנען באזיצן—
זאלסט אלץ אן ארבייט און אן געצאלט
דאס קאנען געניסן — דו נעמסט דיין טייל פון מאלצייט,
דאך פעלט קיין טייל דערפון;
מיטצונעמען דאס בעסטע פון דארפסמאן'ס גוטס און פון דעם
פריץ'ס עלעגאנטער ווילא, אויך פון דער רייכער ברכה
פון דעם גליקליך פארהייראטן פאדל, די פרוכט פון סאד
און די בלומען פון גארטן;
צו נעמען פאר דיין אייגענעם געברויך
פון די געדיכטע שטעט וועלכע געהסט פארביי,
און מיטצוטראגן די הייזער, די גאסן,
וואוהין דו וועסט זיך קערן,
און מיטצונעמען דעם פארשטאנד פון די מוחות פון די מענשן,
וועלכע דו באגעגענסט — מיטצונעמען די ליבע
פון זייערע הערצער,
זאלסט אלע דיינע געליבטע מיטנעמען אויף דער רייזע,
ניט אכטענדיג וואס דו לאזט זיי שפעטער הינטער זיך,
דעם אוניווערסום זעלבסט זאלסטו ווי א וועג באטראכטן —
ווי פילע וועגן, ווי וועגן פאר וואנדערענדע נשמות.

14

די נשמה רייזט;
דער קערפער רייזט ניט אזוי פיל ווי די נשמה;
דער קערפער האט פונקט אזא וויכטיגע ארבייט ווי די נשמה,
און שיידט זיך ענדליך אפ, צו לאזן די נשמה וווייטער רייזן.

יעדע זאך וויכט אפּ פאר'ן שטייגן פון דער נשמה;
יעדע רעליגיע, אַלע פעסטע זאכן, קונסטן, רעגירונגען —
אַלץ וואס איז געווען אָדער איז אויף דעם
אָדער אן אַנדערן פּלאַנעט, פאַלט צ'ריק אין די ווינקלן;
און עקן, פאר דעם צוג פון די נשמות
אויף די גרויסע וועגן פון וועלט־אַל.
יעדער אנדערער פאַרשריט איז דער נויטיגער סימבאָל
און נויטיגע שטיצע פאר דעם פארטשריט פון די נשמות
פון מענער און פרויען אויף די גרויסע וועגן פון וועלט־אַל.
שטענדיג מונטער, שטענדיג פארווערטס!
כאליד, ערנסט, טרויעריג, צוריקגעצויגן, ערשטוינט, ווילד,
שטורמיש, מיד, צופרידן;
פארצווייפלט, שטאלץ, ליבליד, קרענקליד,
פון מענשן אמפאנגן, פון מענשן צוריקגעשטויסן;
זיי וואנדערן! זיי וואנדערן! איך ווייס, זיי וואנדערן,
נאר וואוהין זיי וואנדערן, דאס ווייס איך ניט;
איך ווייס אבער, אז זיי וואנדערן צו דאס בעסטע —
צו דאס גרויסע.

15

אַללאָן! ווער דו זאלסט ניט זיין, קום פאַראויס!
דארפסט ניט בלייבן אין הויז שלאפן, פארשווענדן דיין צייט.
אפילו דו האסט דאס הויז אליין געבויט,
אָדער ווייל מען האט עס געבויט פאר דיר.
אַללאָן! ארויס פון דער טונקלער אייגענשאפט!
עס העלפט ניט קיין ווערן־זיך, איך ווייס אלץ,

און לעג עס פאר דיר.
זע, מיט דיר איז פונקט אזוי שלים ווי מיט אלע אנדערע;
דורך דעם געלעכטער פון די מענשן,
זייער טאנצן, מיט־טאג און נאכטמאל עסען,
דורך זייערע קליידער און באפוצונגען,
דורך די געוואשענע און מיט בארד געשווירענע געזיכטער,
באמערק דעם געהיימען שטילן איבל און די פארצווייפלונג,
קיין מאן, קיין פרוי, קיין פריינד
ווערט פארטרויט צו הערן דעם וידוי;
יעדער מענש אן אנדער איך, אן אפשפילונג פון אלע אנדערע,
שלייכט דורך מיט לויערענדע טריט.
אן פארם, אן שפראך שפרייזט דער מענש דורך די גאסן פון
דער שטאט, מילד און העפליך האלט ער זיך אין די זאלן;
אין די וואגאנען פון די אייזענבאנען, אויף דאמף־שיפן,
אין עפענטליכע פארזאמלונגען,
היימיש אין די הייזער פון מענער און פרויען,
ביים טיש, אין שלאף־צימער, אומעטום.
פיין געקליידט, מיט א שמייכלדיגן געזיכט, מיט א ריכטיגער
האלטונג, דעם טויט אונטער די ברוסט־ביינער
דעם גיהנם אונטערן שארבן;
אונטער די מאנטלען און הענטשקעס,
אונטער די בענדער און קינסטליכע בלומען;
מיט אכטונג פאר די מנהגים,
ניט דערמאנענדיג א זילבע וועגן זיך,
רעדענדיג וועגן אלץ, נאר קיינמאל ניט פון זיך.

16

אַללאָן! דורך קאַמף און קריג!
דער ציל וואָס איז באַשטימט קען ניט בטל ווערן.
האָבן די פאַרגאַנגענע שטרייטן געהאַט ערפאָלג?
וואָס האָט דען געהאַט ערפאָלג?
דו אַליין? דיין פאָלק? די נאַטור?
איצט פאַרשטעה מיך —
עס איז באַזאָרגט אין דעם תוך פון זאַכן, אַז פון אַ יעדן פרוכט־רייפן ערפאָלג, וועלכער זאָל ניט זיין, זאָל עטוואָס אַרויסקומען וואָס זאָל נויטיג מאַכן אַ גרעסערן קאַמף.
מיין רוף איז אַ שלאַכט־רוף —
איך נעהר אַ טעטיגן אויפשטאַנד;
ווער מיט מיר געהט, מוז זיין גוט באַוואָפענט.
ווער מיט מיר געהט, געהט אָפט מיט ווענינ שפּייז,
מיט אָרמוט, מיט בייזע פיינט און פאַררעטער.

17

אַללאָן! דער וועג איז גרייט פאַר אונז!
ער איז זיכער — איך האָב אויספּרובירט —
מיט מיינע אייגענע פיס האָב איך אים אויספּרובירט.
אַללאָן! שטעה ניט צוריק!
לאָז דאָס פּאַפּיר אויף׳ן שרייב־טיש ניט באַשריבן,
דאָס בוך אין שראַנק ניט געעפנט!
לאָז דאָס געצייג ליגן אין ווערקשטאַט!
לאָז דאָס געלט בלייבן ניט פאַרדינט!

לאז איבער די שול!
זאל דיך ניט ארען דער רוף פון דעם לערער!
זאל פרעדיגן דער פרעדיגער אויף דער בימה!
זאל דער אדוואקאט פירן זיין פארטיידיגונג אין געריכט!
זאל דער ריכטער אויסטייטשען דאס געזעץ.

קאמעראד! איך גיב דיר מיין האנט!
איך גיב דיר מיין ליבע, פיל טייערער פון געלט,
איך גיב דיר אוועק זיך אליין,
פיל טייערער פון דרשות און געזעץ;
דו ווילסט זיך מיר אוועקגעבן? דו ווילסט וואנדערן מיט מיר?
זאלן מיר בלייבן באהעפט ווי לאנג מיר וועלן לעבן?

אינהאַלטס פאַרצייכעניש

זייט

בילד — 4
פאַרוואָרט פון אַברהם רייזען — 4—8
וואָלט וויטמאַן — ליד — מאָריס ראָזענפעלד — 9
וואָלט וויטמאַן — אַ קורצע ביאָגראַפיע — 11—15
1 זיך זעלבסט זינג איך — 17
2 כ'בין דער וואָס פייניגט מיט ליבע — 18
3 מוטער און קינד — 18
4 איך בין אַמאָל אַדורכגעגאַנגען אַ באַפעלקערטע שטאָט — 19
5 דיכטער פון דער צוקונפט — 20
6 דער דאָזיגער שאָטן, מיין אייגען בילד — 21
7 אַ חלום האָב איך גע'חלומ'ט — 22
8 וואָגסטו איצטער, אָ זעל — 23
9 צו לינקאָלן'ס געבורטסטאָג — 24
10 אַ פרוי וואַרט אויף מיר — 25—27
11 טרערן — 28
12 געטער — 29—30
13 גיב מיר די שטילע הערליכע זון — 31
14 אין אַ פאַרטראַכטער שטימונג — 32
15 ווי אָדם אין פרימאָרגן — 33
16 אַלט אירלאַנד — 34
17 בשעת איך זיץ דאָ אַליין פאַרבענקט און פאַרטראַכט — 35
18 אָ קאַפּיטאַן, מיין קאַפּיטאַן — 36—37
19 וואונדער איבער וואונדער — 38—40
20 ווען איך האָב דאָס בוך געלייענט — 41
21 צו דיר — 41
22 פון דער מאַסע וואַסער פון דעם כוואַליעדיגן ים — 42
23 צו אַ שטאַרבענדן — 43
24 !Salut au monde — 44
25 דאָס געזאַנג פון דעם פרייען וועג — 45—63